בס"ד | סיון תשפ"ב | קלאנג 7
ארויסגעגעבן דורך: שמעון ראלניצקי

# גלאָק

June 2022 | NY/NJ: $9.99 | Canada $13.00
England £9 | Europe €10 | Israel 40 NIS



## איבער-געלעבט!

קינדערלאזער מלחמה איבערלעבער פון אונגאַרן טרעפט זיין קדיש זאָגער... /// ריכאַרדאָ פערעז פון מעקסיקאָ זוכט דעם אמת און טאַנצט מיט אַ מלאך... /// אַ רב פאלט ווייטאָגליך אין זיין שטאַנד פון די העמפּטאָנס צו יאָנקערס... /// דריי מענטשן פון דריי לענדער און דריי אַנדערע פאַרגאַנגענהייטן, וועמענ'ס לעבנס זענען געקניפּט און געבונדן דורך איין געמיינזאַמען גורל

### פאַלסקאַ מיסיאַ ראַטאָוואניטשאַ



דאָס קליינטשיגע פוילן וואָרט רעקרוטירט צו ראַטעווען אַמעריקע

### פון חלומות צו מעלאָנעס



סוקסעספולע פּראָדוקטן וועלכע זענען דערפונדן געוואָרן בחלום הלילה

### וואס האט דאָרט פאַסירט?



די זינקונג פון דער **מאסקוואַ** קרוזער שיף




# גלאָק

## אינהאַלט


**אונזער קלאַנג** — 8
אַ מעסעדזש צו די באַרג סיני'ס בתוכנו

**די זינקונג פון דער מאָסקוואַ קרוזער שיף** — 12
וואָס האָט דאָרט פּאַסירט? | מ. בערגער

**פון חלומות צו מעלאָנעס** — 32
סוקסעספולע פּראָדוקטן וועלכע זענען דערפונדן געוואָרן בחלום הלילה | ר. ש. כהן

**איבערגעלעבט!** — 62
דריי מענטשן פון דריי לענדער און דריי אַנדערע פאַרגאַנגענהייטן, וועמענ'ס לעבנס זענען געקניפּט און געבונדן דורך איין געמיינזאַמען גורל | הרב חיים שלמה בערגער

**פּאָלסקאַ מיסיאַ ראַטאָווניטשאַ** — 112
דאָס קליינטשיגע פּוילן ווערט רעקרוטירט צו ראַטעווען פאַרכאַפּטע אַמעריקאַנער סאָלדאַטן | ר. ש. כהן

**הומאר קלאנגען** — 168

**יודענסאַוואַנע** — 170
אַ אידישער אויטאָנאָמישער שטאַט אויפ'ן אַמעריקאַנער קאָנטינענט | הרב שמעון שלמה זילבער



**דער גלאָק**
365 RT 59 Suite #204
Airmont NY 10952

Advertisements:
**718.408.8799**
Ads@dergluck.com

**בריוו צו דער רעדאקציע קען מען שיקן צו אונזער אדרעס אדער צום אימעיל אדרעס:**
letters@dergluck.com

**פאר רוחניות'דיגע ענינים אדער הערות:**
rabbi@dergluck.com

# הומאָר ק

## אוקראַינע מלחמה

דריי חדשים נאָכדעם וואָס פוטין האָט אינוואַדירט אוקראַינע, מוזן אַלע מודה זיין אַז למעשה האט פוטין באַוויזן דאָס אומגלויבליכע, צו טראַנספאָרמירן די רוסישע אַרמיי אלס די צווייט-בעסטע אַרמיי אין גאַנץ... אוקראַינע...

*

וויפיל רוסישע זעלנער דאַרף מען האבן איינצונעמען קיעוו? איר ווייסט נישט? שרעקט זיך נישט, פוטין ווייסט אויך נישט...

*

דער רוסישער רובל איז אויף צרות זינט דער אינוואַזיע. דער חילוק צווישן דעם רובל און דער דאָלאַר איז יעצט בערך איין דאָלאַר...

## גאַזאָלין פרייזן

גאַזאָלין פרייזן זענען געשטיגן צו אַ רעקאָרד הויך, אזש ווען איך האב פרובירט צו באַקומען אַ שאַצונג, וויפיל מיין קאַר איז ווערט, פון "קאַר פעקס" (די פירמע וועלכע שאצט דעם ווערט פון אויטאָס), האבן זיי פאַרלאַנגט איך זאָל קודם ענטפערן צי דער גאזאלין טאנק איז ליידיג אדער פול...

*

די וואָך איז פאָרגעקומען אַ רויבעריי אין אַ לאָקאַלער גאַז סטאַנציע. ווען דער באַרויבטער האָט גערופן פאָליציי האָבן די אויספאָרשערס געפרעגט צי ער ווייסט ווער דער רויבער איז געווען.

"זיכער," האָט ער געענטפערט, פאָמפ נומער זעקס"...

*

איך ווייס נישט פאַרוואָס מענטשן רעדן זיך אָפ; מיר זעט אויס ווי ס'איז גראַדע דאָ אַ גרויסע שפע; אמאל האָב איך נאָר געקענט אריינלייגן 50 טאָלער ווערט פון גאזאלין אין מיין קאַר, היינט גייט שוין אריין העכער 100 דאלאר!...

*

טייל מענטשן קומען אויף מיט פאַרשידענע געניטע איינפאַלן זיך אַן עצה צו געבן מיט די הויכע פרייזן. אַ חבר מיינער זאָגט מיר אַז ער וואַרט מער נישט ביז דער גאַזאָלין טאַנק ווערט אים ליידיג נאָר ער פולט עס אָן יעדעס מאָל ער האָט אויסגענוצט אַ פערטל פונעם טאַנק. אַזוי קאָסט אים דער גאַזאָלין בלויז 25 דאָלאַר...

*

אין גאַז סטאַנציע האָב איך געזען איינעם אַריינלייגן צען דאָלאַר גאַזאָלין אין זיין קאַר ביי פאָמפ נומער 2. כ'האָב פרובירט צו כאַפּן וואָס זיין פלאַן איז? זעט אויס ער וויל קענען אָנקומען ביז צו פאָמפ נומער 3...

*

די גאַזאָלין פרייזן זענען אזוי הויך, אַז קאָוויד האָט אויפגעהערט אַרומצופאָרן...

*

איך האָב היינט באקומען גוטע נייעס פון מיין באַנק: מיין מאָרטגעדזש איז ענדליך באַשטעטיגט געוואָרן; איך קען שוין קויפן גאַזאָלין...

##ביידען אַדמיניסטראַציע

וויצע פרעזידענט העריס איז דיאַגנאָזירט געוואָרן מיט קאָוויד-19 און האָט זיך געמוזט איזאָלירן, אַזוי ווי זי איז געווען די גאַנצע צייט זינט איר איינשווערונג...

*

פרעזידענט ביידן האָט איר געזאָגט אַז זי קען נעמען וויפיל צייט ס'פעלט זיך נאָר אויס צו קומען צו די

# קלאַנגען

כוחות. "ווען איך בין געווען וויצע פרעזידענט בין איך פאַרשוואונדן געוואָרן פאַר צוויי יאָר און קיינער האָט בכלל נישט באַמערקט..."

*

דאָס ווייסע הויז האָט באַרואיגט דאָס פאָלק אַז מען דאַרף נישט זיין באַזאָרגט פאַר'ן פרעזידענט'ס געזונט, ווייל ער איז נישט געווען אין דער אָנוועזנהייט פון זיין וויצע פרעזידענט במשך פון צוויי וואכן. כ'מיין דאָס זאָגט אונז אַלעס וואָס מיר דאַרפן וויסן איבער די באַציאונגען צווישן ביידן און זיין וויצע פרעזידענט...

*

לויט איין אַנקעטע איז ביידען'ס צופרידנהייט-ראַטע עטוואָס געשטיגן, במשך די לעצטע צוויי חדשים, צו 42 פראָצענט. ביידן האָט זיך אָנגערופן, "געוואַלדיג, ענדליך איז די אינפלאַציע אָנגעקומען צו מיר"...

*

די נייעס האָט געשאַפן אַ טומל אינעם ווייסן הויז. ביידען'ס געהילפן האָבן פרובירט אויסצוגעפינען וואָס אַזוינס דער פרעזידענט האָט געטאָן במשך די לעצטע צוויי חדשים...

*

## פאַרשידנס

צפון קאָרעאַ האָט באַריכטעט אַז דער קאָראָנאַ ווירוס איז סוף כל סוף אָנגעקומען צו אירע גרעניצן און האָט באַפוילן אַלע שטעט אַרום דעם גאַנצן לאַנד אַריינצוגיין אין אַ "לאַקדאַון". אין אַנדערע ווערטער, אַלעס איז געבליבן ביים אַלטן...

*

דער צפון קאָרעאַנער רעזשים האָט געעפנט אַ שטרענגע אויספאָרשונג, פרובירנדיג צו לעזן די מיסטעריע וויאַזוי קאָוויד האָט זיך באַוויזן אַריינצוכאַפן אין דעם איזאָלירטן לאַנד...

## פון דאָ און דאָרט

אַ מאַן לויפט אריין אין שענק שרייענדיג, "גיבט מיר אַ טרונק פאַר ס'הייבט זיך אָן..." דער שענקער קוקט אים אָן דערשראקן און גיסט אים אָן א גלעזל. יענער טרינקט עס אויס אין איין שאָס. "גיבט מיר שנעל נאך איינס -- איידער ס'הייבט זיך אָן!" שרייט ער. ער באקומט א צווייט גלעזל, און חזר'ט איבער זיין פזמון נאָכאַמאָל, באקומענדיג א דריטן גלעזל.
ווען ער האָט פאַרלאַנגט אַ פערטן גלעזל פרעגט אים דער שענקער: "ווער גייט באצאלן פאר דעם אַלעם?"
"אָה, ס'האָט זיך אָנגעהויבן..."

*

אַן עלטערער מאַן האָט געפייערט זיין הונדערטסטן געבורטסטאָג, גייענדיג אויף די אייגענע פיס מיט א גלייכן רוקן און פעסטע טריט. אויף דער פראגע פון זיינע אייניקלעך איבער דעם סוד פון אַזאַ עלטער אין א גוטן געזונטן צושטאנד, האט דער זיידע אנטפלעקט אז פאר די לעצטע 75 יאר האט ער טאג-טעגליך שפאצירט פאר כאטש 15 מינוט, אן צו פארפאסן אפילו איין מאל.
"אבער זיידע," פרעגט אַן אייניקל "וויאזוי באווייזט מען דאס, קיינמאל נישט צו פארפאסן דעם שפאציר?"
דער זיידע צעשמייכלט זיך: "זייער פשוט, נאך אונזער חתונה האב איך מיט דער באבע אפגעשמועסט אז יעדעס מאל ווען מיר וועלן האבן א קאנפליקט אדער קריגעריי, וועט דער וואס פארלירט דארפן גיין שפאצירן פאר כאטש פופצן מינוט..."



א מערקווירדיגער און
אומבאקאנטער קאפיטל
אידישע היסטאריע

# יודענסאוואנע

## דער אידישער אויטאָנאָמישער שטאַט אויפ׳ן אַמעריקאַנער קאָנטינענט

און אומבאקאנטער קאפיטל געשיכטע איבער א אידישער אויטאָנאָמישער ראַיאָן אין דער

# ...אַרוואָרט:

מיר שטייען אצינד אין די הייליגע טעג פון "חג השבועות" וואס ווערט גלייכצייטיג ...ולט אלס "זמן מתן תורתינו". חז"ל זאגן שוין (שבת פ"ט ע"א), אז די אורזאך פארוואס דער ...וואו די תורה איז געגעבן געווארן הייסט "הר סיני", איז וויבאלד "משם ירדה שנאה לישראל" ...יב דער תורה הקדושה איז אראפ א פיינטשאפט פון די גוי'אישע פעלקער קעגן די אידן.

...רכאויס דער אידישער היסטאריע בכלל און די לעצטע צוויי-טויזנט יאר אין גלות בפרט, האבן ...יידער געהאט גענוג געלעגנהייטן צו זען וויפיל שנאת ישראל עס קען זיך געפינען אויף דער ... און טאקע רוב מאל האט עס אריינגענומען א ספעציעלע פיינטשאפט צו די תורה-טרייע

...ינער פון די מערסט-באקאנטע און טרויעריג בארימטע קאפיטלען געשיכטע, וואס ברענגען ... די אור-אלטע שנאת-ישראל מיט א פיינטשאפט צו דער אידישער תורה און גלויבן, איז די ...ליכע גזירת "גירוש שפאניע", ווען הונדערטער טויזנטער אידן זענען פארטריבן געווארן פון ...היימלאנד פאַר'ן שרעקליכן "חטא" פון זיך נישט וועלן טויפן צום קריסטליכן גלויבן ח"ו.

...ער וואָס נישט צופיל ווייסן איז אַז אַדאַנק דער דאָזיגער שרעקליכער גזירה איז צושטאַנד ...ען די איינציגסטע אידישע "אויטאנאמיע" אין דער מאדערנער עפאכע פון די לעצטע פאָר ...ט יאר.

... הייבט אויגן ברעמען מיט וואונדער? איר זענט בארעכטיגט דערצו... עס הערט זיך ווי א ...רע אבער איז ווירקליך א היסטאריש-באשטעטיגטער פאקט: אזוי שפעט ווי אין די צייטן פון ...ידי הבעל שם טוב זי"ע, האבן נאך אידן פארמאגט אן אייגענעם אויטאנאמישן שטאַט, מיט ...טהייסונג פון א דעמאָלטיגער אימפעריע וואס האט רעגירט אויפ'ן לענדל וואו די אידן האבן ...רעט זייער אייגענעם שטאט!

...רים דרכי ה'; פון אזא שרעקליכער געשיכטע ווי גירוש שפאניע האבן אידן געטראפן א ...ען דאך איבער'ן קאפ אין אן אנדערן, גאר-ווייטן לאנד.

## ...יקער דרום-אמעריקאנער לענדל "סורינאם"

...ון-טייל פונעם דרום-אמעריקאנער ...געפינט זיך דאס פיצינקע לענדל

די פאלגענדע לענדער: "גויאנא" פון מערב-זייט, "די פראנצויזישע גויאנא" (א גרויסער ראיאן וואס איז נאך ביז היינט אונטערן הערשאפט פון פראנקרייך) פון מזרח-זייט, "בראזיל" פון דרום-זייט, און דער אטלאנטישער-ים פון צפון-זייט.



די נאציאנאלע פאן פונעם לאנד סורינאם

גארער וועלט, וויבאלד עס איז ממש פיצל אין אלע הינזיכטן. עס וואוינען דארט ניטאמאל קיין שישים ריבוא מענטשן, וואס אפילו פון זיי זענען אריבער פערציג פראצענט ניטאמאל קיין 24 יאר אלט; עס פארנעמט א קנאפע 163 טויזנט קוואדראט-קילאמעטער; און עס איז אויך נישט קיין רייך לענדל און האט ווינציג מעלות צו איר נאמען.

פארט אבער האט זי עפעס מערווירדיג און היסטאריש, וואס קיין איין אנדערע לאנד האט נישט געהאט דורכאויס די לעצטע פאר הונדערט יאר, פון ווען עס האט זיך אנגעהויבן די מאדערנע עפאכע: א אידישער שטאַט, וואס האט געבליט און געצויגן רייכטום, און איז געווען אונטער א גענצליך אידישער אויטאנאמיע, און איז אנגעגאנגען פאר אפאר הונדערט יאר, און האָט זאגאר געהאלפן די גאנצע



פארוואנדלט ווערן אין א לענדל פאר זיך.

די דארטיגע אידן האבן געהאט אן אייגענעם שטאט מיט א אידישן נאמען, זיי האבן געפירט א נעץ פון פאבריקן און מסחר איבער דער גאנצער וועלט; זיי האבן פארמאגט טויזנטער שקלאפן, און זייענדיג אזוי רייך האבן זיי אפילו גענומען אונטער זייער פליגל אַן אמעריקאנער שול -- קהל "שארית ישראל" פון מאנהעטן.

ווער זענען געווען די אידן? פון וואו זענען זיי געקומען, און פארוואס? וויאזוי זענען זיי אנגעקומען צו דעם לענדל סורינאם און דורך וועמען? וועלכע יאר זענען זיי אנגעקומען און ווילאנג האבן זיי פארמאגט אן אייגענע אויטאנאמיע? ווען און וויאזוי איז עס אונטערגעגאנגען?

לייענט אין דעם ארטיקל די היסטארישע, מערקווירדיגע, אבער גענצליך-פארגעסענע קאפיטל היסטאריע פונעם אידישן אויטאנאמישן לעבן אין "יודענסאוואנע", סורינאם.